ראדאמער-קעלצער לעבען מיט דער „פאנאראמע״ פאר 25 גר.

פרייז 25 גראשען XV-ער יאהרגאנג „Należytość pocztowa uiszczona gotówką” 7 (705) „Radomer-Kielcer Leben” הײנט 10 זייטען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

Radom, dnia 18-go Lutego 1938 r.

ראדאם, פרייטאג י״ז אדר א. תרצ״ח

טעלעפאן פון רעדאקציע 15 - 18

פאראכטע פארבערייַ
און כעמישע פראלניע
A.
HEMPEL
פאבריק און צענטראלע אלטע שטאדט 7
פיליעס: זשעראמסקי 1
זשעראמסקי 21
זשעראמסקי 59
טראגוטא 11
קעלנער צו וואשען צו 15 גר.

מיר גראטולירען הערצליך
דעם ה׳
פישעל גארפינקעל (קעלץ)
צו זיין האכצײַט
מיט פר״ל
דארא קאנדעל (צוויזמיר)
מיר ווינשען די עלטערען נחת
און דעם יונגען פאר גליק און צופרידענהייט
בנימין רייך און פרוי
ראדאם

א בשורה טובה! א בשורה טובה!
די בעסטע און
מיהל „הערמאנקא״ פריזען
פערקויפט חידער איר בטריהסט מעהל
קמח פסח על חג הפסח הבע״ל
דאס מעהל איז ערשטקלאסיגער קוואליטעט און בהכשר גדול.
ווענדט אייך צו ווענדען צום גענעראל-פערטרעטער:
A. Hercyger Będzin
Sączewskiego 21, Tel. 71,437

Bank Udziałowy Spółdzielczy
z ogr. odp. ul. Zeromskiego 9 w podwórzu
tel. 25 - 80 Rach. żyrowy w Banku Polskim
איז מודיע, דאס די באנק איז געווארען איבערגעטראגען אין א נייעם לאקאל אויף זשעראמסקי 9 אין הויף
די באנק פירט אלערליי באנק-אפעראציעס פינקטליך און שנעל. נעמט אן פקדונות, ערטיילט הלוואות, דיסקאנטעס און אוואנסען אויף אינקאסעס.
און נעמט אן אינקאססט אויף גאנץ פוילען צו ביליגע פרייזען.
אינקאסע-איינפלוסען ווערען אויסגעצאהלט דעם זעלבען טאג.

Mądrzy bramini, których słuchać nigdy nie zawadzi
Uczą, że wierzyć nigdy nie trzeba kobiecie,
Chyba, że świetne gilzy „Dla Znawców” doradzi
— Wierz jej wtedy — te gilzy są najlepsze w świecie

Wytw. Wyrobów Cukierniczych p. t.
„Americanka” L. Wajsbrot Rynek 16
מאכט באקאנט דאס ג. פובליקום, אז עס איז געעפענט געווארען פון ניי-יאהר
א צוקערניע און היגיענישע בעקעריי
איינגעארדענט לויט די לעצטע סאניטארע פארשריפטען.
יעדען טאג פריש און פיין געבעקס צו ביליגע פרייזען. פארשידענע געשמאקע טשאסטעס פון דער פיינסטער קוואליטעט צו 15 גר.
ס׳איז צו בעקומען שטענדיג טארטען מארציפאנאוע פון 1.50 אן
אלץ ווערט אויסגעארבייט דורך א פאכמאן מיט א לאנגיעהריקער פראקטיק.
אלע מינים געבעקסען ווי לוקשען, בילקעלעך. טשאסטעס, וואפלעס, הערבאטניקעס, טארטען, באקאלעס דעסערטאוו, לעקעך. פארשידענע קרעמען, מינדאלאווע ארטיקלען און פרייטאג חלות — בעקומט מען
אין דער יורישער ציקערניע „אמעריקאנקא״ טראוגוטא 62
ווי אויך אין דער היגענישער צוקערנישע בעקעריי רינעק 16
און אין געוועלב רינעק 14
עס ווערן אויך אנגענומען בעשטעלונגען אויף שמחות, בעלער, קאנצערטען א.ז.וו.
שאקאלאד פון פארשידענע פירמעס און פרוכטען צו ביליגע פרייזען

דעם ה׳ משה זעגמאן צו זיין האכצייט מיט פר״ל סאלא קאלטמאן
ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט.
לייביש פאסטערנאק און פרוי.

ווילט איהר האבען קלארע, זויבערע וועש, נייע גארדעראבעס, שניי-ווייסע פארהאנגען,
גיעט נאר צו וואשען און פארבען אין דער בעקאנטער
כעמישער פארבערייַ און פראלניע פון דער ערשטקלאסיגער פירמע
A. HEMPEL
Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskieo 59
Tragutta 11
ווער ס׳האט זיך ניט איבערציינט זאל פרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שנעלער, עסטעטישער און פאכמענישער ארבייט. ס׳ווערט אויך געוואשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! — פינקטליכע אויספיהרונג סאלידע בעהאנדלונג קומט און איבערציינט אייך
צענטראלע: אלטע שטאדט 7 אפיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראמסקי 1 טראוגוטא 11
זשעראמסקי 21 זשעראמסקי 59
ביליג צו וואשען קאפעלושען

**Wszystkie losy wyprzedane!**
Prosimy w przyszłości Sz. Klientelę nie zwlekać kupnem losu aż do ostatniej chwili

# WAJSELFISZ

# א געשלעג אויף מעסערס ביי יודישע קצבים אין סקאַרשעוו.

## צוויי קצבים ליגט פערווינדעט איז יודישען שפיטאל.

עהערנעכטען, מיטוואָך, האָט מען געברענגט אויף א טאקסובקע דעם סקארשאווער קצב יצחק ווידמאן מיט זיין פרוי. ביידע זענען פערווינדעט געוואָרען בעת א געשלעג. יצחק ווידמאן איז געשטאָכען געוואָרען אין דער פלייצע און מ'האָט איהם איבערגעפיהרט אין יודישען שפיטאל און דאָס חייב זיינס וועלכע האָט געקריגען מיט א געוויכט אין האַרץ און בויך ליגט אין ראדאָם ביי קרובים.

נעכטען דאָנערשטאָג האָט מען געברענגט אין יודישען שפיטאָל, א צווייטען קצב, מאיר קליינמאַן, אויך א געשטאָכענעם.

וואָס ס'איז איינענטליך געשעהן, קען מען אויף גענוי נאָך נישט וויסען. יעדער דערצעהלט אויף אנ'אנדערען נוסח. פון איין זייט הערט מען, אז דאָס מעסערשטעכעריי איז ארויסגעקומען פון דעם, וואס די זיהן פון ווידמאַן און קליינמאַן האָבען געהאט צווישען זיך א סכסוך. ביי דער מחלוקה איז געווען מאָיר קליינמאַן און דאָ האט ווידמאנס זוהן דערלאַנגט מיט א דראָנג מאיר קליינמאן מיט'ן זוהן איבער די קעפ און ווי צעמישט. ווען טאַטע און זוהן זענען געקומען צום בעוואוסטזיין האָבען זיי ארויסגענארט יצחק ווידמאַן מיט'ן זוהן צו מאיר קצב אין יאַטקע און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען די אמת'ע מלחמה מיט מעסערס, שטעקענס און דרענגער. דאס בלוטיגע געשלעג האָט געדויערט צוויי שעה. ביים געשלעג זענען ביידע טאטעס פערווינדעט געוואָרען.

אנדערע דערצעהלען, אז ס'איז אַזוי געווען:

יצחק ווידמאַנס זוהן האָט זיך געמאַכט א יאַטקע געגען מאָיר קצב און אויס'ן בּאָרען פון קאָנקורענץ איז געקומען צו מעסער-שטעכעריי. מאראַן נאָך א דריטע מימרא, אז יצחק ווידמאַן איז נישט געווען קיין אָפיציעלער קצב און אזוי ווי ער האט שותפות געמאַכט מיט אנ'אָפיציעלען, האָט דאס פערדראָסען דעם קצב מאיר קליינמאַן.

דערפון האָט זיך געמאַכט דאָס מעסערמחלוקה'לע, וואס ביי דעם איז יצחק קליינמאַן ערנסט געשטאָכען געוואָרען. אויס נקמה האָט ווידמאנס זוהן שפעטער געשטאָכען מאיר קליינמאַן.

ווי ס'זאָל נישט האָבען געווען, דער סך-הכל איז א טרויעריגער: צוויי געשטאָכענע און צוויי פערווינדעטע פון פעסטע טרוקענע קלעפ.

# די ליבע האט געזיעגט.

ס'איז שוין געווען בעשריבען די געשיכטע ווי אזוי דאס ראדאמער כלה-מיידעל פ. ז. האט זיך אבגעזאגט פון קעלצער חתן און קאטעגאריש בעשלאסען חתונה צו האבען מיט'ן ראדאמער יונגערמאן ח. ס. וואס איז געווען איהר ערשטע סימפאטיע. ס'האט נישט געהאלפען דער ווידערשטאנד פון די עלטערען און היינטיגע וואך האט זי גענומען חופה וקידושין מיט דעם ראדאמער יונגערמאן ביי א היגען מורה הוראה די פרל. פ. ז. האט געשיקט בעטען איהרע עלטערען צו קומען צו דער חופה, אבער זיי האבען די איינלאדונג נישט אנגענומען און זענען אויף דער חתונה נישט געקומען.

אין דער היינטיגער מאדערנער צייט, געפינען זיך נאך פונדעסטוועגען אזעלכע עלטערען, וואס ווילען איינצווינגען זייער ווילען אויף די קינדער. הגם זיי ווייסען, אז נישט שטענדיג איז דער נצחון אויף זייער זייט. די עלטערען פון דעם מיידעל פ. ז. האבען אויך געגלויבט, אז זיי וועלן זיעגען און דעריבער זיך געגענגעשטעלט מיט'ן גאנצען כח. ס'האט אבער נישט געהאלפען און אפילו דער הויז-ארעסט, וואס זיי האבען אנגעווענדעט געגען זייער טאכטער, האט אויך נישט געגעבען קיין רעזולטאט. דער חתן ח. ס. האט זיך דערוויסט און ער איז געקומען מיט פאליציי, סאדערענדיג צו בעפרייען זיין כלה. ער האט טאקע דעם קאמף געוויגען און סער. נומען די כלה אין הויז פון זיינע עלטערן.

איצט פיהרט זיך אנ'אויספארשונג ארום די אנקלאגע פון מיידעל'ס עלטערען וועלכע האבען בעשולדיקט זייער טאכטער נאך איהר אנטלויפען קיין ווארשא מיט'ן ראדאמער יונגערמאן, אז זי האט זיי בעגנב'עט 300 זל. מיט מלבושים. טאקע אויף דעם סמך, איז די עלטערען געלונגען אהיים צו ברענגען זייער טאכטער. דאס האט אבער נישט לאנג געדויערט, ווייל ווי שוין דערמאנט, האט דער ראדאמער ראדאמער חתן מנצח געווען און ענדליך חתונה געהאט מיט דער פרל. פ. ז. פאר וועלכע ער האט אזוי הייס געקעמפט.

די ליבע האט געזיעגט.

דער קעלצער חתן זאל זיך „פאדאבנעהייסען בעצאהלען 10 טויזענד זל. ענטשעדיגונג.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס

די פאמיליע **רוטמאן**

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער ליבען זוהן

# אבא נ. ע.

וועלכער איז אוועקגעריסען געוואָרען אין דעם בליהענדסטען עלטער פון 22 יאָהר

אין קאמף פאר א פרייע אזנאפהענגיג ניט געסיילט אויף ישראל זאָלען זיי א טרייסט געפונען.

**מפקדה ספריה וקן בית"ר**
ר ד ו ם

---

**Wyrazy szczerego współczucia**
p. Szlamkowi
**z powodu przedwczesnego zgonu**
**Jego brata**

# b. p. Aby Rutmana

**wyrażają**
*Winerówne.*

---

Chil Staszewski — Frania Zylberberg

# ZAŚLUBIENI

Radom — w Lutym — 1938

---

אונזער שעף ה' **יחיאל סטאשעווסקי**
צו זיין האָכצייט
מיט פרל' **פראַניע זילבערבערג**
ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט
דאָס פערסאָנאַל פון דער היגענישער שאַטקע און טאפטשאן-פאבריק רינעק 6

---

צו דער חתונה פון אונזער שותף
**יחיאל סטאשעווסקי** מיט פרל' **פראַניע זילבערבערג**
ווינשען א גליקליכע צוקונפט
אין זייער ווייטערדיקען לעבען
מ. פרימער
ב. מערמערשטיין (א פעטער)

---

צו דער חתונה פון מיין ליבען חבר
**יחיאל סטאשעווסקי** מיט פרל' **פראַניע זילבערבערג**
ווינשט א גליקליכע צוקונפט
מאיר בירענבוים

---

Z intencji zaślubin kolegi
p. **Chila Staszewskiego**
z p. **Franią Zylberbergźanką**
moc szczerych życzeń i zadowolenia
składają
**Moniek Milman z Rodziną**

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען קוזין
**חיים זעגמאַן** מיט פרל' **רוושאַ אבראַמאָוויטש**
ווינשען א גליקליכע צוקונפט
און די עלטערען פיעל נחת
אברם זילבער מיט פרוי

---

Z intencji zaręczyn naszego ukochanego kuzyna
p. **Chaima Zegmana z p. Różą Abramowiczówną**
moc szczerych życzeń i zadowolenia,
oraz Rodzicom dużo pociechy
składa
**Rodzina Kajler**

---

אונזער פריינד ישראל זעגמאַן און פרוי ווינשען מיר מז"ט
צו דער האָכצייט פון זייער זוהן
**משה** מיט פרל' **סאַלאַ קאַלטמאַן**
גליק דעם יונגען פּאָרל.
מ. באָרמיסטער און פרוי

Niemasz ponad mydło „TRÓJKA“

# קעלצער יודישע דאַקטוירים גרינדען אַ בעזונדערען פעראיין.

צוליב'ן איינפיהרען דעם אַריער־פּאַראַגראַף אין אַלפּוילישען דאַקטוירים פערבאַנד, האָבען די קעלצער יודישע דאַקטוירים געגרינדעט'אַ בעזונדערען פעראיין.

# אַכטונג קליינהענדלער און דעטאַליסטען.

ביז ענדע לוטי ד. י. דאַרף מען אָבגעבען זעזנאַניעס פון דאָכוד און אָבּרוט. צוליב דעם, וואָס די פּראָצעדור פון אויספילען זעזנאַניעס איז אַ קאָמפּליצירטע דאַרף יעדער קומען אין פעראיין אריין נאָך אומזיסטע אינפאָרמאַציעס.

# ראַדאָם איז שולדיג 21 מיליאָן זל.

לויט'ן לעצטען פינאַנסיעלען בעריכט איז די שטאָט ראַדאָם פער'חוב'עט אויף אַ סומע פון 21 מיליאָן 222 טויזענד זל. די הויפט־פּאָזיציעס בעשטעהען פון אַ אולען־הלואה אין דער הויך פון 8 מיליאָן 118 טויזענד זל. און פון דער סאַנירונג'ס־הלוואה צו דעקען דעם אולען־חוב, אין דער הויך פון 10 מיליאָן 993 טויזענד זל.

די צענטראַלע קאָמיסיע פאַר בעפרייען די „אולען־שטעדט": לובלין, טשענסטאָכאָוו, פּיעטריקאָוו און ראַדאָם, פון זייערע חובות, האָט בעשטימט אויף אַ צייט פון 5 יאָהר די צאָהלונג'ס־ראַטעס פון דער אולען־הלואה, אָבלעגענדיג דאָס צאָהלען די ראַטעס פון דער סאַנירונג'ס־הלואה, וועלכע בעטרעפט 724 טויזענד יעהרליך — ביז'ן 1 אַפּריל.

נישט זייענדיג צופרידען פון אַזאַ לעזונג, האָט די ראַדאָמער שטאָדט־פערוואַלטונג צוזאַמען מיט די אַנדערע פעראינטערעסירטע שטעדט אויפגעהויבען אַ קאַמף געגען דעם און דער ראַדאָמער שטאָדט־ראַט האָט אויף זיינער אַ זיצונג אָנגענומען אַ בעשלוס, וועלכער ווייזט אָן, אַז אויף אַזאַ אופן פון רעגולירען די חובות, וועט די שטאָדט נישט קענען פיהרען קיין ווירטשאַפט אין איינקלאַנג מיט איהרע בעדערפעניסען און רופט דעריבער די שטאָדט־פערוואַלטונג אָנצונעמען מיטלען צו אַנולירען די סאַנירונג'ס־הלואה און צו ענדערען די צאָהלונג'ס־בעדינגונגען פון אולען־הלואה. אויך די אַנדערע שטעט האָבען אָנגענומען ענליכע באַשלוסען, וועלכע זענען פאָרגעשטעלט געוואָרען דעם פינאַנס מיניסטער.

אין רעזולטאַט פון די אַלע בעמיהונגען האָט די רעגירונג אריינגעבראַכט אין סיים אַ געזעץ פּראָיעקט, לויט וועלכען די חובות פון דער סאַנירונג'ס־הלואה, געהען איבער אויף דער רעגירונג. וואָס שייך דער אולען הלואה, ווערט דאָס פינאַנץ מיניסטעריום בעפולמעכטיגט איבערצונעמען ביז דער הויך פון 26 מיליאָן זל. און וואָס אָנבעלאַנגט דעם רעשט פון דער לעצטער הלואה דאַרף לויט דער אויסמאַך, דער פינאַנץ מיניסטער מיט דער פערשטענדיגונג פון אינערן־מיניסטער בעשטימען יעדע 5 יאָהר די סומעס, וועלכע די שטעדט דאַרפען יעהרליך אָבצאָהלען.

אויך די לעצטע לעזונג בעפרידיגט נישט די פערשולדיגטע שטעדט, וועלכע האַלטען, אַז דאָס איינשטעלען די צאָהלונג'ס־סכומים יעדע 5 יאָהר און נישט אויף דער גאַנצער צייט ביז דער הלוואה־אָבמאַך וועט גענצליך אויסגעשעפּט, ד"ה ביז'ן יאָהר 1966 — קען זיי שטערן צו ווירטשאַפטען אין ברייטערן פערנעם.

די דאָזיגע פּאָסטולאַטען זענען פאָרמולירט געוואָרען אויף אַ קאָנפערענץ פון די פעראינטערעסירטע שטעדט און איבערגעגעבען געוואָרען דעם פּרעמיער־מיניסטער סקלאַדקאָווסקי.

ווי דער אויסגאַנג זאָל נישט זיין, וועט ראַדאָם אַלענפאַלס ענטלאַסטעט ווערען פון אַ העלפט פון זיינע ביזאיצטיגע חובות.

## קופאָן נומ. 6

אומזיסטע עצות ביי דער יורידישער סעקציע פון הויזווירטען פעראיין פאַר אונזערע לעזער

אויף שריפטליכען ענטפער ביילעגען אַ פּאָסט־מאַרקע.


די ראַדאָמער אָבטיילונג פון

אגענטען און וואַיאַזשאַרען־פעראיין

טיילט מיט די מיטגלידער, אַז דער לאָקאַל פון פעראיין געפינט זיך אויף וויטאָלדאַ 10 און איז אָפען יעדען טאָג אין אָוונד. די מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען.

ZAKŁAD KRAWIECKI
**CH. GUTMANA**
Radom ul. Focha 1 lub Zeromskiego 33
**przyjmuje zamówienia na ubiory z własnych i powierzonych materjałów. Ceny bardzo przystępne**
Robota solidna　　Przyjdź i przekonaj się!

Najlepsze, najmilsze i najtańsze prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
**kuchenki, żelazka grzejniki do rurek poduszki i inne**
Do nabycia na dogodnych warunkach
**w Radomskim Towarzystwie Elektrycznym** Sp. Akc. w Radomiu ul. Traugutta 53


# אויסבעסערונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן נאָטיץ „געמאַכט אַ זעהונג מיט אַ „כלה אַ יונגעל" ערקלער איך, אַז נישט אַלע פּרטים וואָס זענען אויפגעגעבען שטימען מיט'ן אמת; ס'איז נאָר אמת אַז בייזוויליגע מענשען האָבען מיך געוואַלט קאָמפּראָמיטירען. פיהרענדיג מיך אויף אַ „זעהונג" מיט אַן'איבערגעשיקטען יונגעל, וועלכען איך האָב באַלד דערקענט לויט'ן קול און אפילו לויט'ן פּנים. איך האָב דעם פאַרשוין באַלד דעמאַסקירט און גוט אויסגעזידעלט די „שדכנים" פאַר זייער געמיין שמוציקע אַרבייט. איך בין נישט געגאַנגען אין קיין קינאָ, נאָר איך האָב זאָפאָרט פערלאָזט יענץ הויז, וואָס האָט זיך ערלויבט אויף אַזאַ אונדעריהערטע זאַך.

מיט אַכטונג נ. פּ.

# רעפעראַט פון ב. שעפנער אין ראַדאָם.

דער בעריהמטער פעליעטאָניסט ב. שעפנער (בית־שין) וועט מאָרגען, שבת ביי טאָג, האַלטען אַן'אינטערעסאַנטען רעפעראַט אין אַרבייטער הויז, א. ר. ס. „פאַבינע און רעגינאַ".





**Kino ADRIA**
פרייטאָג דעם 18 3³⁰ אז.
שבת דעם 19 1 און 3 אז
זונטאָג דעם 20 12 און 2 אז
פריהמאָרגען־פילמען
ווייטערדיגע טייל פון
„TRĘDOWATA"
„ORDYNAT MICHOROWSKI"

Do niedzieli dnia 20 lutego b. r.
Wiedeńska komedia muzyczna pełna humoru P. T.
„UBÓSTWIANA"
Czarujące melodie, fantastyczna wystawa.
W rol. gł. THEO LINGEN, MARTA EGGERTH HANS MOSER, PAWEŁ HORBIRGER,
Nad program: Kolorowy dodatek i Tygodnik P.A.T.
**Kino ADRIA**



אַכטונג קעלץ! אין אַלע רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע ענינים ביטע זיך צו פערשטענדיגען מיט אונזער מיטאַרבייטער י. צוקער.
שריפטליך קען מען זיך ווענדען: Red. „Radomer-Kielcer-Leben" Kielce, skrz. poczt. 98. — Tel 16-22

אַבאָנאַמענטס פּרייז: פאַר אַ חודש אין פּוילען זלאָטס אין פראַנקרייך, בעלגיען 4 פראַנק אין אַנדערע לענדער 30 סענט.

TARYFA OGŁ.: Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr. w tekscie mm 1 szp. 60 gr. na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr. 1-sza i ostatnia strona liczą 3 szpalt.